...ר... או הרב הגאון ר' מרדכי ישכר בער אייזיקזאהן שליט"א רב פון ביהמ"ד קהל בני שלמה אין די ווילאוברוק געגנט, האט דא מייסד געווען זיין מתיבתא "תפארת מאיר".

הרב ר' בערל אייזיקזאהן שליט"א, איז א זון פון הגאון הגדול ר' מאיר אייזיקזאהן זצ"ל דער ראמאנער רב פון סטעטן איילענד מח"ס מבשר טוב חתן הגה"ק ר' איתמר'ל האדמו"ר הזקן מנאדבורנא זצ"ל, און א אן איידעם פון הרב הגאון ר' נפתלי לאנדא שליט"א חוסטער דיין.

נאך די פטירה פון זיין גרויסן פאטער דעם פארגאנגענעם ר"ח אלול האבן די אנשי הקהילה על פי בקשת ...ובראשם ... מקליוולאנד־רעננה שליט"א, ... געגעבן דעם כתר הנהגה און רבנות פון "קהל בני שלמה" צו הרב מרדכי ישכר בער שליט"א וועלכער האט שוין למעשה פיגורירט אלס רוחניות'דיגער מנהיג אין די לעצטע שטיק צייט ווען זייער גרויסער טאטע איז געווען ל"ע צו שוואך אנצופירען מיט דעם עבודת הקודש.

אין די קורצע צייט וואס דער רב שליט"א האט איבערגענומען דאס ביהמ"ד איז זי פארוואנדלט געווארן צו א רוחניות'דיגע צענטער פונקט אין דעם געגנט, אריינבלאזנדיג אין איר א פרישע רוח חיים, מוסיף געווען ב... אויף די 47'סטע ... פארק.

דאס אריבערציען די מתיבתא קיין סטעטן־איילענד אין דעם ביהמ"ד וואס דער ראמאנער רב זצ"ל האט מייסד געווען, און דערביי אויך געטוישט איר נאמען צו "ישיבה תפארת מאיר" על שמו ולזכרו, גיט א געוואלדיגע געלעגנהייט פון אויסברייטערן די מתיבתא, און איז נאך א רינג צו די רוחניות'דיגע בליה פון קהל בית שלמה.

די ישיבה האט שוין בליעה"ר צוויי כתות פון בחורים אין עלטער פון 14 — 17 יאר, און ווערט אנגעפירט דורך באקאנטע מחנכים און מגידי שיעור תלמידי חכמים מופלגים, וואס זענען שוין עוסק אין דעם עבודת הקודש מיט אן אויסערגעווענליכע איבערגעבנקייט לאנגע יארן, תחת הנהלת והדרכת הרב אייזיקזאהן שליט"א דער מנהל רוחני פון די ישיבה.

דער ראש ישיבה רב אייזיקזאהן שליט"א פלאנצט אריין אין זיינע תלמידים און איז דולה ומשקה סיי דאס חסיד'ישע ווארימקייט וואס ער האט מקבל געווען פון זיינע גרויסע זיידעס, און זיין אהבת התורה און ריתחא דאורייתא וואס

הצלחו...
הישיב...

לא...
וואס ...
"הייו...
קאליפ...
די זיי...

...me


# תיקון טעות

**על דבר מה שנדפס מודעה בשבוע שעברה, שכ"ק אדמו"ר מוויזשניץ שליט"א אמר לאחד מבאי ביתו הוראה מסויימת בנוגע להעירוב בב"פ, הננו בזה להודיע שכ"ק אדמו"ר מוויזשניץ שליט"א צוה להכריז בבית מדרשו, וכמו"כ ביקש מהמערכת לפרסם בשמו**

# שלא היו דברים מעולם


1058